# עולת שבת בשבתו


## ת"ת תורה ויראה דרבינו יואל ד'סאטמאר

בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

פה ק"ק קרית יואל יצ"ו

בעזהשי"ת | פרשת נצבים – וילך | כיתה ו' ז' תשע"א לפ"ק


## דורש טוב

**נצבים - וילך:** דער רבי בעל דברי יואל זי"ע זאגט א טעם פארוואס די צוויי סדרות גייען אינאיינעם, בפרט ווען די טייטש פון די צוויי סדרות איז דאך איינס פארקערט פון די צווייטע, **נצבים** איז טייטש שטיין, און **וילך** איז טייטש גיין.

ווייל אין **זוהר הקדוש** (בראשית דף י"ג) שטייט אז אין די לעצטע דורות פאר משיח וועט קומען ווען די אידן נישט האבן קיין שום זכות נאר די זכות פון תינוקות של בית רבן.

דאס איז דער טייטש פון פסוק **אתם נצבים היום כולכם לפני ה' אלקיכם**, וואסערע זכות האבן אידן אז זיי קענען זיך האלטן אין די לעצטע דורות, זאגט ווייטער דער פסוק, **טפכם**, אינעם זכות פון די קליינע קינדער, די תינוקות של בית רבן.

מיט דעם פארשטייט מען פארוואס די 2 סדרות גייען אינאיינעם, **אתם נצבים וכו' טפכם**, דאס וואס מען האלט זיך אין גלות איז דאך נאר בזכות די קליינע קינדער, ווען דעם **וילך**, אין זייער זכות וועלן מיר האבן די זכי' צו גיין קעגן גוא"צ בב"א.

❀ ❀ ❀

**אתם נצבים וגו' ראשיכם שבטיכם וזקניכם כל איש ישראל, טפכם נשיכם:**

לכאורה איז שווער א קשיא, די ווערטער **כל איש ישראל** איז דאך כולל גאנץ כלל ישראל, פארוואס זאגט נישט דער

## הלכות ומנהגים

### ימי הסליחות

אנגעהויבן פון קומענדיגן זונטאג שטייט מען אויף צו "סליחות".

דער שליח ציבור פון סליחות דאווענט מעריב מוצאי שבת פארן עמוד אויב עס איז נישטא קיין **חיוב** (מג"א סי' תקפ"ח סק"ז).

דער שליח ציבור ביי סליחות טוט אן א טלית אבער ער מאכט נישט דערויף קיין ברכה, דעריבער פירט מען זיך אויב מען זאגט סליחות פאר עס איז געווארן טאג נעמט מען א געבארגטע טלית, און מען האט אינזין דאס נישט קונה צו זיין, אזוי האט ער נישט קיין פראבלעמען מיטן מאכן א ברכה. אויב אבער זאגט ער סליחות ווען עס איז שוין טאג, דארף ער מאכן א ברכה אפילו אויף א געבארגטע טלית, דעריבער איז די בעסטע ער זאל בארגן פון עמיצן א טלית אלס א מתנה על מנת להחזיר (משנה ברורה סי' י"ד סק"א).

אויב ראש השנה געפאלט מאנטאג אדער דינסטאג, הייבט מען אן צו זאגן סליחות א וואך בעפאר זונטאג, כדי אז די וואס פאסטן עשרת ימי תשובה, זאלן האבן נאך 4 טעג פאר ראש השנה צו פאסטן קעגן די טעג וואס מען פאסט נישט, ד.ה.

ערב יום כיפור.

מען פירט זיך צו פאסטן דעם ערשטן טאג סליחות ביז **חצות** (ד.ה. איינס אזייגער).

מען דארף זאגן סליחות מיט גרויס כונה, בפרט די י"ג מידות איז אסור צו זאגן אויב מען האט נישט אינזין (ברכי יוסף תקפ"א בשם מהר"ש ארי'), עס איז גליך צו שטיין ביי סליחות.

עס זענען דא וואס זענען מקיל צו זיצן פון "זכור רחמיך" ביז "שמע קולינו". א עלטערער איד אדער פאר וועמען עס איז שווער צו שטיין, זאל שטיין לכה"פ ביי קל מלך און י"ג מידות" (מט"א סי' תקפ"א סעי' י"ח). ווען מען זאגט 'ויקרא בשם ה'' זאל מען מאכן א הפסק צווישן 'בשם' און 'ה'' (אבודרהם).

מען דארף אכטונג געבן נישט צו זאגן אזעלכע ווערטער וואס זעהן אויס ווי ליגענט, דעריבער זענען דא אחרונים וואס זאגן אז אויב זאגט מען סליחות שפעט נאך פארטאגס, זאל מען נישט זאגן די אלע לשונות פון 'אשמורת הבקר' 'שחר קמתי' (ערוך השולחן), אבער רוב אחרונים האלטן אז אויב שטייט מען אויף פריער ווי געווענליך מעג מען יא זאגן, ווייל דאס איז די כונה פון די ווערטער אז מען איז אויפגעשטאנען פריער.

עס זענען דא ראשונים וואס האלטן אז נאך שמע קולינו זאל מען זאגן דריי מאל ווידוי (רוקח) אבער פון אריז"ל שטייט אז מען זאל נאר זאגן איינמאל (שער הכוונות דף נ"א ע"ב, וכ"כ הגר"א במעשה רב).

*

## לעמוד לסליחות!

אין ספר **ילקוט יצחק** שטייט : די ווערטער "**אתם נצבים היום**" זענען בגימטריא "**לעמוד לסליחות**" א רמז אז מ'זאל אויפשטיין פארטאגס צו סליחות.

פסוק קודם **ראשיכם שבטיכם זקניכם ושוטריכם טפכם נשיכם** און הערשט נאכדעם **כל איש ישראל**?

ענטפערט דער **רבי בעל ברך משה זי"ע** אזוי, ווייל די גמרא זאגט אין מס' ברכות (דף מ"א ע"ב) אז רבי המנונא האט געהאט צוויי מינים פירות טייטלען און מילגרוימען, האט ער געמאכט די ברכה אויף די טייטלען נישט אויף די מילגרוימען, כאטשיג רימון ווערט פריער אויסגערעכענט אין פסוק צווישן די זיבן מינים, פונדעסטוועגן וויבאלד עס שטייט אין פסוק "**ארץ חטה ושעורה גפן ותאנה ורימון ארץ זית שמן ודבש**", איז דאך טייטלען נענטער צום צווייטן "**ארץ**" ווי רימון ממילא איז דאס חשוב'ער.

קומט אויס פון דעם, אז דאס וואס עס שטייט נאנט צו אן הפסקה, ווי די תורה טוט איבערהאקן צווישן מערערע זאכן וואס ער רעכענט אויס, דאס איז די חשוב'סטע פון אלע.

וועגן דעם האט די תורה געמאכט אן הפסקה און געשריבן **טפכם נאך כל איש ישראל**, צו ווייזן אז די קליינע קינדער זענען די חשוב'סטע פון אלעם.

❀ ❀ ❀

**ומל ה' אלקיך את לבבך ואת לבב זרעך למען חייך:**
דער פסוק זאגט אז די אידן וועלן תשובה טוהן, און אויך זייערע קינדער.

די גמרא זאגט (ב"ב קט"ו) אז דער וואס לאזט איבער אויף די וועלט נאך זיין שטארבן א ערליך קינד, הייסט נאך ווי ער לעבט. אזוי ווי ביי דוד המלך שטייט נישט אין פסוק אז ער איז געשטארבן ווייל ער האט איבער געלאזט זיין זוהן שלמה, א גרויסער צדיק.

דאס זאגט דער פסוק: **ומל ה' אלקיך את לבבך ואת לבב זרעך** אז דיינע קינדער וועלן אויך תשובה טוהן און זיין ערליך, דעמאלט וועט זיין **למען חייך** וועט הייסן אז דו לעבסט אייביג.

❀ ❀ ❀

**בפיך ובלבבך לעשותו:**

פרעגט דער **חתם סופר זי"ע**, דער פסוק רעדט זיך דאך ביי די מצוה פון תשובה וואס איז בעיקר בלב אז מ'טוט תשובה אין הארצן, וואס זאגט דער פסוק "**בפיך ובלבבך לעשותו**", וואס פארא עשי' איז שייך צו טון ביי א זאך וואס איז בעיקר תלוי בלב?

ענטפערט דער **חתם סופר** ווייל מיר ווייסן דאך אז ווען מ'טוט תשובה ווי עס דארף צו זיין, ווערן די עבירות איבערגעדרייט אויף מצות, קומט אויס אז מיטן טון תשובה בלב געשעהט בפועל אן עשי', עס ווערט אזוי ווי ער וואלט יעצט געטון בפועל אסאך מצות.

*

**שבת פאר ראש השנה:**

אלעס וואס ווערט אנגעשריבן אינעם טאג ראש השנה אויף אידישע קינדער, סיי דאס לעבן, סיי געזונט און פרנסה, אלעס הייבט זיך אן דורך די השפעה פון שבת פאר ראש השנה, ווייל דער שבת איז משפיע אויף די גאנצע וואך. (באר מים חיים)

## מעשה רב

ווי מיר לערנען אין די הלכות זענען דא אין די טעג מערערע זמנים ווען עס איז דא אן ענין צו פאסטן, ווי **א' סליחות**, **ערב ראש השנה**, **י"ד מידות**, וכדומה.

עס האט דערציילט הגה"צ רבי **שלמה זלמן פריעדמאן זצ"ל דער ראחוב'ער רב**: ווען **דער רבי בעל דברי יואל זי"ע** איז געווען א קליין קינד האט ער געפאסט אין די טעג, וועלנדיג זיך פירן מיט אלע עניני תשובה אזוי ווי די גרויסע מענטשן, אבער זיין טאטע דער **הייליגער קדושת יו"ט זי"ע** האט געהאלטן אז א קליין קינד דארף עסן געהעריג, און ווען ער וועט עלטער ווערן וועט ער זיך פירן מיט די מנהגים וואס ווערן געברענגט אין די ספרים הקדושים.

ווען דער **קדושת יו"ט** האט אין איינע פון די טעג געזעהן ווי דער רבי עסט נישט האט ער אים געפרעגט "**יואל'יש, פארוואס עסטו נישט?**" האט דער רבי געענטפערט מיט תמימות: "**ווייל איך טו תשובה אויף מיינע עבירות**".

האט דער קדושת יו"ט זי"ע גענומען א מחזור און אויפגעעפנט צו די תפלה פון "ונ**תנה תוקף**" ביי מוסף און אים געוויזן ווי די דריי ווערטער "ותשובה ותפלה וצדקה" שטייט מיט גאר גרויסע ווערטער, דאס מיינט צו זאגן אז נאר גרויסע מענטשן דארפן פאסטן און תשובה טוהן, אבער קליינע קינדער דארפן עסן געהעריג.

דער רבי האט אבער באלד געוויזן פאר זיין טאטן אז אונטער דעם שטייט מיט קלענערע ווערטער "**צום, קול, ממון**" וואס דאס צייגט אז אפילו קליינע קינדער דארפן אויך פאסטן...

# ידיעות פון ראש השנה

## לא אד"ו ראש

לכבוד דעם בעפארשטייענדן יו"ט **ראש השנה** הבעל"ט, ווערן מיר לערנען א וויכטיגע 'ידיעה' וואס איז נוגע די טעג ווען דער יו"ט ראש השנה קען אויסגעפאלן.

אין די ערשטע צייטן וואס די אידן זענען געווען אין ארץ ישראל, האט מען מקדש געווען דעם חודש על פי הראי', דאס הייסט אז ווען צוויי מענטשן האבן געזען די נייע לבנה, זענען זיי געקומען עדות זאגן פארן בית דין אז די לבנה איז שוין באנייט, און דאס האט געוויזן אז עס איז שוין ראש חודש.

דעמאלטס האט געקענט אויסקומען ראש חודש אמאל אינעם 30'סטן טאג פונעם פארגאנגענעם יאר, און אמאל אינעם 31'סטן טאג.

נאכן חורבן בית המקדש האט הלל הנשיא (השני, א זון פון ר' יודא נשיאה) מתקן געווען א "לוח", דאס הייסט אז עס איז אויסגעשטעלט געווארן א באשטימטער סדר ווי אזוי מען האט באשטימט די ראשי חדשים יעדעס יאר.
דער סדר איז געווארן אזוי:

**ניסן, סיון, אב, תשרי, שבט**, איז אלעמאל **מלא**, ד.ה. 30 טאג (א סימן אז כמעט אלע חדשים וואס האבן אין זיך א יום טוב זענען מלא).

**אייר, תמוז, אלול, טבת, אדר**, איז אלעמאל **חסר**, ד.ה. 29 טאג.

די צוויי חדשים **חשון, כסלו**, קענען זייןביידע **מלא**, און קענען זיין ביידע **חסר**, און ס'קען זיין **כסדרן** ד.ה. **חשון חסר כסלו מלא.**.

חכמינו ז"ל האבן קובע געווען די ראשי חדשים אויף אזא אופן כדי עס זאל קיינמאל נישט מאכן קיין פראבלעמען, ווי למשל ביי ראש השנה האבן זיי אראפגעשטעלט א כלל אז:

**לא א'ד'ו' ראש** = **א'** - זונטיג **ד'** - מיטוואך **ו'** - פרייטיג, קען נישט אויסגעפאלן **ראש השנה**.

פארוואס? ווייל אויב געפאלט ראש השנה זונטאג, קומט אויס אז הושענא רבה געפאלט שבת, און עס ווערט איינגאנצן בטל די מצוה פון הושענא (אין בית המקדש פלעגט מען אין דעם טאג ארומגיין דעם מזבח מיטן ערבה, אבער נישט אין שבת).

אויב געפאלט ראש השנה מיטוואך, קומט אויס אז יום כיפור געפאלט פרייטאג, און אויב עס וועט ח"ו נפטר ווערן א איד אין יום כיפור וועט ער ליגן בבזיון 2 טעג ביז נאך שבת (יו"ט איז נישטא דער פראבלעם ווייל מען מעג אפילו דעם ערשטן יו"ט באערדיגן א מת דורך א גוי).

אויב געפאלט ראש השנה פרייטאג, קומט אויס אז יום כיפור געפאלט זונטאג, איז אויך די זעלבע בזיון המת (ס'זאל נישט פארקומען).

**א כתיבה וחתימה טובה - א גוט געבענטשט יאר**